NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12793

MIRTEN

B. Oyerbakh

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חוה' לע

№ 1

מירטען

דאס פערבלאנדזשעטע הוז'לע

— פון —

ב. אויערבאך

פערלאג „מצפה" אין װארשא.

מירטען

דאס פערבלאנדזעטע חוה'לע

— פון —

ב. אויערבאך

פערלאג „מצפה" אין ווארשא.

Druk. „REKORD", Warszawa, Dzika 18.

חוהלע איז אַ קליין מיידעלע פֿון פֿינף און אַ האַלב יאָר. און אַ שיין מיידעלע מיט אַ רונדיג קלאָר פּנים׳על און גרויסע ליכטיגע אויגען מיט שוואַרצע געקרייזעלטע לאָקען אויפֿ׳ן קאָפּ. און זי קאָן שוין לאַנג דאָס אלף בית. צייט די מוטער האָט איהר געקויפט דאָס - קליינע ביכעלע מיט די איינגעמאָלטע יונגעלעך און מיידעלעך, מיט הינטלעך און מיט אַ׳גאַרווען און אַ פֿענסטער, האָט זי זיך דרינען, אין דעם דאָזיגען שיינעם נייען ביכעלע אויך אויסגעלערנט לעזען: באַר, בַּד, גַּג, דאַל, זאַק און נאָך פֿיל אַנדערע קליינע ווערטעלעך, וואָס רופֿען זיך זילבען.

און אַ פֿריילעך מיידעלע איז חוה׳לע, אַ לוסטיגע; אַ גאַנצען טאָג נאָר זי האַלט אין איין שטיפֿען און אַרומשפּרינגען אין שטוב און פֿון איין שטוב אין דער צווייטער. און גייט די מוטער אַרויס פֿון שטוב און חוה׳לע בלייבט אויף אַ ווײַלע אַליין אין צימער, נעמט זי באַלד און רוקט זיך צו אַ שטול, קריכט אַרויף אויפֿ׳ן פֿענס־טער אַרויסקוקען, ווי די קינדער שפּילען זיך אויפֿ׳ן הויף.

אירע עלטערן האָבען זי שטאַרק ליב און קוקען מיט פרייד ווי זי הייבט די פיסלעך און שפּרינגט אַרום גאָר אין דערזעלבער צייט דערפילען זיי אויך אַ שרעק אין האַרץ, דאָס האָבען זיי מורא פאַר איר, ווייל זי איז אַזוי ווילד און קריכט שטענדיג אויפ׳ן פענסטער, זאָל חלילה, נישט אַמאָל מיט איר עפּעס שלעכטס געשעהן.

און חוה׳לע האָט אַ ברודער׳ל, וואָס הייסט יצחק. ער איז שוין אַ יונגעל פון אַכט יאָר און לערנט אין אַ שול. יעדען טאָג אין דער פריה, פּונקט אַכט דעם זייגער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך גוט געוואַשען מיט זייף און מיט וואַסער, די הענט, דאָס פּנים, דעם קאָפּ און די אויערן און האָט געגעסען איבער־בייסען, מוט ער אָן אויף די אַקסעל זיין טורני־סטער מיט די ביכער און העפטען, קנעפּעלט צו דעם פּאַלטען, נעמט זיך מיט די זעמעל, וואָס די מוטער גיט איהם מיט אויפ׳ן צווייטען פרישטיק און גייט אין די שול.

און יצחק האָט ליב זיין קליין שוועסטער׳ל חוה׳לע און חוה׳לע האָט ליב איר ברודער׳ל יצחק. יעדען נאָכמיטאָג שפּילען זיי זיך ביידע מיט זייער שפּילצייג ביי זייער קליינטשיגען ווייסען

טישעלע מיט די צוויי ווייסע בענקעלעך, וואָס שטייט אין ווינקעל פון צימער, נעבען דעם גרויסען פערד וואָס דער פאָטער האָט פאַר זיי געקויפט.
עס טרעפט אויך, אַז זיי צוקריגען זיך אַמאָל ביים שפּילען, אָבער מערסטען טייל איז חוה׳לע דרינען מער שולדיג פון איר ברודער׳ל יצחק. וויל אַלץ וואָס יצחק האָט. וואָס זי זעהט נאָר ביי אים, וויל זי באַלד ער זאָל עס איר אַוועקגעבען. זעט זי יצחק האָט אַ בליישטיפט לויפט זי באַלד צו דער מוטער מיט אַ געוויין, פאַר וואָס האָט יצחק אַ גאַנצע בלייפעדער און זי האָט נאָר אַ שטיקעל. וויל זי, אַז יצחק זאָל איר אַוועקגעבען זיין בלייפעדער.
און אַזוי מאַכט זי שטענדיג, ווען זי זעט נאָר, אַז יצחק האָט בעקומען עפּעס אַ זאַך און זי האָט נישט אַזעלבעס. נאָר יצחק איז דאָך שוין עלטער, פערשטייט ער, אַז זיין שוועסטער איז נאָך אַ קליינטשיק מיידעלע. גיט ער איר אַלע מאָל נאָך, זי זאָל נישט וויינען.
נאָר איין זאַך האָט יצחק ביי קיין פאַל נישט געוואָלט נאָכגעבען זיין קליין שוועסטער׳ל חוה׳לע: חוה׳לע האָט אים נישט אויפגעהערט צו בעטען, ער זאָל זי אַמאָל מיטנעמען אין זיין

שול און איר דאָרט ווייזן די לערער און די שילער, די קלאַס, די בענק, דעם זאַל און די שיינע בילדער פון פייגעל, לייבען און בערען און נאָך אַלץ וואָס יצחק האָט דערציילט, אַז עס געפינט זיך ביי זיי אין דער שול. נאָר יצחק האָט זי ביי קיין פאַל נישט געוואָלט מיטנעמען. און די מוטער האָט אויך נישט דערלויבט זי זאָל מיטגיין, ווייל זי איז נאָך גאָר אַ קליינע, — האָט די מוטער געזאָגט — קען מען זי נישט לאָזען גיין אליין מיט איהר ברודער'ל. וועלכער איז אַליין נאָך אַ קליין יונגעלע.

און איינמאָל איז יצחק געזעסען ביים טיש און געמאַכט די אויפגאַבען וואָס דער לערער האָט אים אויפגעגעבען און חוה'לע איז געזעסען ביים קליינעם טישעלע אין ווינקעל און געשפּילט זיך, דערווייל אַליין, מיט אירע שפּילצייג.

דערנאָך האָט זי שוין נישט געוואָלט זיך אַליין שפּילען ביים קליינעם טישעלע, איז זי צו־געגאַנגען צו יצחק'ן און געבעטען, ער זאָל גיין מיט איר שפּילען. נאָר יצחק האָט נישט געוואָלט גיין יעצט זיך שפּילען מיט איר, ווייל ער מוז מאַכען די אויפגאַבען פאַר'ן לערער און ער האָט זיי נאָך נישט געענדיגט.

איז דאַן חוה'לע צוריקגעגאַנגען צו איר טי־

שעלע און האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף
איר בענקעלע און איז געוואָרען אומעטיג. ביי־
דע הענטעלעך האָט זי אַנידערגעלייגט אויפ'ן
טישעלע, אָנגעשפּאַרט אויף זיי דאָס קעפּעלע
אָן אַ זייט און פאַרמאַרוויזערט געקוקט מיט אירע
גרויסע שיינע אויגען צו איר ברודער, וועלכער
איז געזעסען ביים טיש און געמאַכט די אויפ־
גאַבען.

ווען יצחק האָט שוין געהאַט געענדיגט
זיין אַרבייט און אויפגעשטעלט זיך פון טיש,
איז חוה'לע אויפגעשפּרונגען, אים אַקיגעננע־
לאָפען און געבעטען: „יצחק, יצחק, מיין
שיינער, נעם מיך מאָרגען מיט אין שול, איך
גיב דיר דערפאַר די ביידע רויטע עפּעלעך, וואָס
די מאַמאַ האָט מיר היינט געגעבען". איז יצחק
שוין בעשטאַנען און צוגעזאָגט איר זי מיטצו־
נעמען מאָרגען אין שול און גענומען דערפאַר
פון חוה'לען די רויטע עפּעל.

חוה'לע האָט זיך שטאַרק געפרייט וואָס זי
וועט מאָרגען שוין מיטגיין אין שול און אַ גאַנ־
צען נאָכמיטאָג ביז פאַרנאַכט האָבען זיי ביידע,
חוה'לע מיט יצחקן, זיך פריילך געשפּילט.

צומאָרגענס פרי איז יצחק אַוועקגעגאַנגען
אין שול, אַזוי ווי יעדען טאָג, און חוה'לע איז

נאָך געשלאָפען. ווען זי איז דערנאָך אויפגע־
שטאַנען מיט אַ שעה שפּעטער און געזעהן, אַז
יצחק איז שוין נישטאָ, ער האָט זי איבערגעלאָזט
און איז אַליין אַוועק אין שול, האָט זי שטאַרק
פערדראָסען, פאַר וואָס זי האָט פערשלאָפען,
האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט און אויף יצחק'ן
איז זי געווען אין כעס פאַר וואָס ער האָט זי
נישט אויפגעוועקט.

אָבער זי האָט נישט געוואוסט, אַז יצחק
האָט שוין אין גאַנצען חרטה בעקומען, ער
וויל זי שוין מער גאָרנישט מיטנעמען, ווייל
ער האָט מורא פאַר דער מוטער.

ווען יצחק איז אַהיימגעקומען אויף מיטאָג
איז חוה'לע איהם באַלד אַקיגענגעלאָפען און
דערמאָנט אים וואָס ער האָט איר נעכטען צו־
געזאָגט. נאָר יצחק האָט איר דאַרויף געענט־
פערט: איך וויל דיך נישט מער מיטנעמען,
ווייל דו ביזט נאָך אַ קליינע...

איז חוה'לע זעהר אומעטיג געוואָרען, און
געוואָלט אָנהויבען וויינען און לויפען צו דער
מוטער איר דערציילען און אויסזאָגען, אַז יצחק
האָט איר נעכטען צוגענומעןביידע רויטע עפּעל,
נאָר זי האָט זיך געשעמט פאַר דער מוטער,
איז זי שטיל געבליבען, נישט געוויינט און נאָר

נישט געזאָגט.

נאָר נאָכמיטאָג, ווען יצחק האָט ווידער גענומען זיין טורניסטער און איז אַוועק אין שול, האָט שוין הוה'לע זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און שטיל, קיינער זאָל נישט זעהן. איז זי אים נאָכגעלאָפען.

ווי יצחק האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן אַז הוה'לע לויפט אים נאָך, האָט ער אָנגעהויבען שנעל צו לויפען, זי זאָל אים נישט קענען דעריאָגען; נאָר הוה'לע איז נישט צוריקגעגאַנגען און איז אַליין ווייטער נאָכגעלאָפען.

דערווייל איז יצחק אַנטקומען, ער איז אַנטלאָפען און הוה'לע האָט אים מער נישט געזעהן. איז הוה'לע געבליבען שטיין אויפ'ן טראָטואַר און אָנגעהויבען אַרומקוקען זיך אויף אַלע זייטען, וואו איז זי דאָ יעצט. זי קוקט אהין קוקט, צוריק און קיינעאיבער, אָבער זי דערקענט נישט מער דאָס הויז, וואו אירע עלטערן וואוינען, איז פערבלאָנדזעט און טרעפט מער נישט דעם וועג צו דער מוטער. איז זי געוואָרען שטאַרק דערשראָקען און אָנגעהויבען צו לויפען ווייטער, נאָר פּלוצלונג איז זי ווידער געבליבען שטיין און אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען.

אַ סך, אַ סך מענשען, מענער און פרויען, דערוואַקסענע און קינדער, זענען פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען אויפ'ן גאַס און אַלע האָבען זיך ביי איר אָבגעשטעלט און געפרעגט: וואָס וויינסט דו, מיידעלע? וואָס וויינסט דו? ווי הייסט דו? ווי הייסט די מאַמעשו מיט'ן טאַטעשו?

אָבער חוה'לע האָט אַלץ נישט אויפגעהערט שטאַרק צו וויינען, זי האָט געדענקט און געזאָגט די מענשען, אַז זי הייסט חוה'לע ליליענבלום, נאָר אָנרופען די גאַס וואו זיי וואוינען האָט זי נישט געוואוסט — האָט זי נישט אויפגעהערט צו וויינען...

די מענשען האָבען אויף איר רחמנות געהאַט, געגלעט איר איבערן קעפעל און געוואָלט זי איינשטילען:

— וויין נישט, חיין נישט, מיידעלע, מיר וועלען דיך באַלד אַהיימפירען צו דער מאַמעשו.

נאָר חוה'לע האָט זיך געשראָקען פאַר די אַלע פרעמדע מענשען און נישט אויפגעהערט צו וויינען.

עס איז שוין געוואָרען פאַרנאַכט, האָט אַ דערוואַקסענע מיידעל אויף איר רחמנות געהאַט.

אַנגענומען זי פאַר'ן העמטעל און געגאַנגען מיט איר פון אַ הויז צו אַ הויז און געפרעגט:

— אפשר דערקענט ווער דאָס פער־בלאָנדזשעטע קינד? אפשר ווייסט ווער, פון וואַנען דאָס פערבלאָנדזשעטע מיידעל איז?

נאָר קיינער האָט חוה'לען נישט דערקענט. איז דאַן צוגעקומען אַ עלטערע פרוי, וועלכע איז גראָד אַדורכגעגאַנגען די גאַס, און האָט פון רחמנות מיטגענומען חוה'לען צו זיך, זי זאָל דערווייל זיין ביי איר, ביז מען וועט שרייבען אין די ציימונגען און דורך זיי געבען צו וויסען אירע עלטערן וואו זי געפינט זיך, זיי זאָלען קענען קומען און זי אָבנעמען.

און ביי חוה'לעס עלטערן אין שטוב איז דערווייל געווען אַ גרויס געוויין. די מוטער, וועלכע האָט נישט בעמערקט ווי חוה'לע איז אַרויס פון שטוב, האָט זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום געכאַפּט און דערזעהן אַז זי איז נישטאָ, איז זי געוואָרען שטאַרק דערשראָקען.

אַ גאַנצען נאָכמיטאָג האָט דער פאָטער און די מוטער אַרומגעזוכט חוה'לען אין גאַנצען הויז, אויפ'ן הויף און אין די גאַסען. עס איז שוין נאַכט געוואָרען און חוה'לע איז נאָך אַלץ נישט געווען. שרעקליך איז די נאַכט געווען

פאַר דער אונגליקליכער מוטער!

דער פאָטער, וועלכער איז אַליין אויך
געווען שטאַרק אונרוהיג, האָט געוואָלט טריי־
סטען די מוטער. נאָר די מוטער האָט זיך
גאָרנישט געלאָזט טרייסטען, און וויינענדיג
שרעקליך האָט זי נישט אויפגעהערט צו זאָגען:
— „ווער ווייסט, וואָס מיט דעם קינד האָט
פּאַסירט אין גאַס! ווער ווייסט... אוי, נאָט
מיינער, גאָט מיינער!"... און אַזוי איז זי
געזעסען ביז נאָך האַלבע נאַכט און געוויינט
מיט טרערען.

און יצחק איז גאָר געווען דערשלאָגען.
מורא האָט ער געהאַט אויבצוזאָגען דער מו־
טער, אַז ער איז שולדיג אין גאַנצען אומגליק וואָס
האָט געטראָפען מיט חוה'לען, און ער האָט
זיך נישט געקענט איינהאַלטען פון וויינען. און
חוה'לעס שפּיל־זאַכען זענען געשטאַנען אין ווינ־
קעל אַזוי עלענד, פערלאָזט, און עס האָט
זיך אויסגעדאַכט, ווי זיי קוקען אויף אים בייז
מיט אַ בעס און מיט צאָרן. יצחק האָט מורא
געהאַט אַהינצוקוקען אויף זיי.

די מוטער איז געזעסען אויף דעם שטול
און געוויינט, איז יצחק צוגעגאַנגען צו איר,
איינגעטוליעט דעם קאָפּ אויף איר קני, און

זײַטע טרערן זענען אים גערונען פֿון די אויגן און געפֿאַלן אויף דער מוטערס קלייד.

אַזוי איז די מוטער מיט יצחקן געזעסן טרויעריק, פֿערוויינט און דער פֿאָטער איז שנעל געלאָפֿן אין די צײַטונגען און געגעבן צוויי סען װענען זייער קליינע טאָכטער חוה׳לע, וואָס איז נעכטן פֿערלוירען געוואָרען און מען בעט זי אָבצוברענגען אַהיים אויף דער און דער גאַס אין דעם און דעם נומער פֿון הויז און פֿון דער דירה.

און אויף מאָרגן אין דער פֿרי, זענען אין די צײַטונגען געווען געדרוקט צוויי מודעות, איינע נאָך דער צווייטער. אין איינער איז געשטאַנען:

„אַ מיידעלע פֿון פֿינף ביז זעקס יאָר, מיט שוואַרצע געקרײַזעלטע לאָקען, זי הייסט חוה׳לע ליליענבלום, גייט אָנגעטהון אַ קורץ רויט סאַמעט־יאַקעלע מיט רויטע זעקעלעך און געלע שיכלעך, געפֿינט זיך אויף דער און דער גאַס, ביי די און די מענשען, אין דער און דער וואוינונג".

און אין דער צווייטער איז געשטאַנען:

„אַ מיידעלע פֿון פֿינף מיט אַ האַלב

יאָר, מיט שוואַרצע געקרייזעלטע לאָקען, אָנגעטהון אין אַ קורץ רויט סאַמעט־יאַקי־לע מיט רויטע זאָקעלעך און געלע שיכ־לעך, זי הייסט הוה'לע ליליענבלום, איז פערלוירען געוואָרען נעכטען פון דער און דער גאַס, דעם און דעם נומער. ווער עס ווייסט פון איהר ווערט געבעטען צו וויסען צו טהון אירע עלטערן"...

גאַנץ פרי איז הוה'לעס פאָטער שנעל אַראָבגעלאָפען און געקויפט די צייטונגען. ווי ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע מודעה, איז ער באַלד פרייליך געוואָרען און געשווינד געלאָפען אָנזאָגען דער מוטער מיט יצחקן די בשורה, אַז הוה'לע איז שוין געפונען געוואָרען, און באַלד איז ער געשווינד אַהינגעלאָפען צו די גוטע מענשען אָבנעמען הוה'לען און דאַנקען זיי זעהר פאַר דער טובה וואָס זיי האָבען איִם גע־טהון, אַריינגענומענדיג צו זיך אין שטוב זיין פערבלאָנדזשעט קינד.

ווען דער פאָטער איז אַטגעגעקומען צו די מענשען, איז הוה'לע נאָך געשלאָפען אויפ'ן בעט. זי האָט איבגעזעהן מיד און אויף אירע בעקעלעך זענען געווען גאַנצע לאַנגע פאַסען פון פערטריקענטע טרערען. וואָס האָבען

אַראָבגערונען און זענען פערטרוקענט געוואָרען.

אַביסעל איז דער פאָטער נאָך געבליבען שטיין פאַר׳ן בעט און געקוקט מיט מיטלייד אויף זיין פערבלאָנדזשעט מיידעלע, און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זי שוין אויפגע־וועקט, דען ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט לענגער איינהאַלטען זי צו נעמען אין זיינע אָרעמס און קושען אירע ליפּעלעך.

אויפכאַפּענדיג זיך פון שלאָף איז חוה׳לע מיט אַ געוויין געפאַלען דעם פאָטער אין די אָרעמס, האָט אים געקושט און וויינענדיג גערופען: — טאַטע! טאַטעשי!

דער פאָטער האָט אָנגעטון חוה׳לען, גע־דאַנקט די גוטע מענשען און גענומען זי אַהיים.

אוי, וואָס פאַר אַ פרייד דאָרט איז באַלד געוואָרען אין שטוב. חוה׳לע איז אַרויפ־געפאַלען אויף דער מוטער און יצחק האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין און דערציילט אַלץ, ווי עס איז געבליבען צוגעגאַנגען מיט איר און געבעטען די מוטער: —מאַמאַשי, מאַמאַשי, — איך וועל שוין נישט מער אַזוי טון, איך בין שולדיג, איך האָב זי איבערגעלאָזט אויפ׳ן גאַס, ווען זי האָט געוואָלט מיט מיר מיטלויי־פען אין שול... און לאַנג, לאַנג האָט יצחק

געוויינט, ביז די מוטער האט אים אויך געקושט און חוה'לע האט זיך אויך מיט אים צוקושט.

אויף דער מוטערס בעפעהל איז יצחק צוגעגאנגען צום פאטער, געקושט אים אין די האנט און געבעטען, ער זאל אים שענקען זיין זינד, וואס ער האט זיין שוועסטער איבערגעלאזט אין נאס.

און פון דעם טאג אן האבען זיך חוה'לע מיט יצחק'ן נאך שטארקער ליב און זיי שפּילען זיך ביידע נאכמיטאג ביים קליינעם טישעל, דערציילט אים חוה'לע אזוי פיל, פון אלעם וואס האט מיט איר פּאסירט אין יענעם שרעקליכען טאג, ווי אלע זענען ארום איר געשטאנען אויפ'ן נאס און אויסגעפרעגט זי, ווי די גוטע אלטע פרוי האט זי מיטגענומען צו זיך אהיים, און ווי זי האט לאנג, לאנג געוויינט ביי די פרעמדע מענשען.

יצחק הערט דאס אלץ אויס און טרערען רינען אים פון די אויגען אויס רחמנות צו זיין קליין שוועסטער'ל, וועלכעס האט אזוי פיל איבערגעליטען. ער קושט זי און זאגט איר צו, אז פון היינט אן וועט ער זי שוין קיינמאל מער נישט איבערלאזען און וועט זי איבערהיטען.